בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת חקת תשע"ח | פרקי אבות פרק ד | גליון 461 [שנה י']

**דרוש אין רש"י חס הקב"ה על ממונם של ישראל**

וְדִבַּרְתֶּם אֶל־הַסֶּלַע לְעֵינֵיהֶם וְנָתַן מֵימָיו וְהוֹצֵאתָ לָהֶם מַיִם מִן־הַסֶּלַע וְהִשְׁקִיתָ אֶת הָעֵדָה וְאֶת בְּעִירָם: (כ ח) זאגט רש"י ווייל עס שטייט מען זאל אויך אנטרינקען די בהמות -וְאֶת בְּעִירָם- איז א ראיה אז חס הקב"ה עַל מְמוֹנָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל, -די בהמות-. פרעגט דער שפתי חכמים וואס איז די ראי'! אפשר האט דער אויבערשטער געזאגט צו געבן טרינקען פאר די בהמות נאר ווייל די אידן האבן געטענה'ט: וְלָמָה הֲבֵאתֶם אֶת־קְהַל ה' אֶל־הַמִּדְבָּר הַזֶּה לָמוּת שָׁם אֲנַחְנוּ "וּבְעִירֵנוּ": זיי ווילן האבן טרינקען פאר די בהמות, און דעריבער שטייט וְהִשְׁקִיתָ אֶת־הָעֵדָה "וְאֶת בְּעִירָם"? און דער שפתי חכמים ענטפערט, ווייל מען טרעפט ביי אליעזר אין פ' חיי שרה: וְאָמְרָה שְׁתֵה וְגַם גְּמַלֶּיךָ "אַשְׁקֶה", זעהט מען אז דער לשון פון הִשְׁקִיתָ איז ביי א בהמה, און דער לשון שְׁתִיָּה -וַתֹּאמֶר שְׁתֵה אֲדֹנִי- איז ביי א מענטש. איז גוט די ראיה פון רש"י, ווייל די תורה שרייבט וְהִשְׁקִיתָ, איז דער ראיה אז חס על ממונם -די בהמות-, אבער עס איז א פֶּלֶא אויף דער שפתי חכמים וואס זאגט אז דער לשון הִשְׁקִיתָ מיינט פאר א בהמה, ווען דארטן אין פ' חיי שרה שטייט וַתְּמַהֵר וַתֹּרֶד כַּדָּהּ עַל יָדָהּ "וַתַּשְׁקֵהוּ", אים אנגעטרונקען, דאס איז פאר אליעזר, א מענטש, זעט מען אז דער לשון הִשְׁקִיתָ קען אויך מיינען פאר א מענטש? נאר מען קען ענטפערן: ווען דער קשיא האט די שפתי חכמים טאקע נישט געפעלן זיין ערשטן תירוץ פון פריערט, און וועגן דעם ענטפערט ער א אנדער תירוץ, אז רש"י האט זיין ראי' פון דעם וואס עס שטייט אֶת הָעֵדָה וְאֶת בְּעִירָם, און אין פ' בשלח שטייט (שמות יז) וַיֹּאמֶר לָמָּה זֶּה הֶעֱלִיתָנוּ מִמִּצְרַיִם לְהָמִית אֹתִי וְאֶת בָּנַי "וְאֶת מִקְנַי" בַּצָּמָא, שטייט אז זיי האבן אויך געבעטן פאר זייער בהמות, איז געווען דער ענטפער: הִנְנִי עֹמֵד לְפָנֶיךָ שָּׁם עַל הַצּוּר בְּחֹרֵב וְהִכִּיתָ בַצּוּר וְיָצְאוּ מִמֶּנּוּ מַיִם וְשָׁתָה הָעָם, און דער אויבערשטער דערמאנט נאר וְשָׁתָה הָעָם, און נישט די בהמות, אפילו זיי האבן געבעטן פאר זיי, דעריבער ביי אונז אז עס שטייט וְהִשְׁקִיתָ "וְאֶת־בְּעִירָם" אויך איז א ראי' אז חַס הקב"ה על ממונם של ישראל. אבער מען קען פרעגן פארוואס ברענגט נישט רש"י פון דער פסוק (דברים יא טו) וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ: וואס די תורה איז מקדים די אכילת בהמה, לִבְהֶמְתֶּךָ, פאר א מענטש, וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ, איז א ראי' אז חס על ממונם של ישראל? נאר מען קען ענטפערן אז דא ביי וְנָתַתִּי עֵשֶׂב רעדט מען פון מנהג העולם וואס דאס איז נישט קיין חידוש אז מען דארף געבן אויך פאר בהמות, אבער דא ביי די סֶלַע איז געווען מַעֲשֶׂה נִיסִים וואלט מען געמיינט אז א נֵס איז נאר פאר א מענטש, און ווייל מען זעט דא ביי אונז אז ביי א נס אז דאס איז אויך פאר די בהמות, איז גוט די ראיה אז חַס הקב"ה על ממונם של ישראל. (תנא ושייר – הגאון ר' יצחק עטיה ליוורנו תק"ן)

**וואס איז געווען די וויכוח פון משה מיט מֶלֶךְ אֱדוֹם**

וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה מַלְאָכִים מִקָּדֵשׁ אֶל־מֶלֶךְ אֱדוֹם וגו' וַנִּצְעַק אֶל ה' וַיִּשְׁמַע קֹלֵנוּ וַיִּשְׁלַח מַלְאָךְ וַיֹּצִאֵנוּ מִמִּצְרָיִם וגו' נַעְבְּרָה־נָּא בְאַרְצֶךָ לֹא נַעֲבֹר בְּשָׂדֶה וּבְכֶרֶם וְלֹא נִשְׁתֶּה מֵי בְאֵר דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ נֵלֵךְ וגו': (כ יד-טז) משה האט געשיקט שלוחים צו מֶלֶךְ אֱדוֹם ער זאל לאזן די אידן דורכגיין זיין לאנד און משה זאגט אז די אידן האבן געשריגן צום אויבערשטן אין מצרים, און דער אויבערשטער האט געשיקט א מלאך ארויסצונעמען די אידן פון מצרים, עס איז א תמיה פארוואס האט משה געזאגט פאר מֶלֶךְ אֱדוֹם אז דער אויבערשטער האט געשיקט א מלאך ארויס נעמען די אידן פון מצרים און נישט דער אויבערשטער אליין? נאר עס שטייט אין מדרש רבה (ויחי פ צז ה"ב) "פרנסה גדולה מן הגאולה שהגאולה ע"י מלאך ופרנסה ע"י הקב"ה עיי"ש, אז דעם געבן פרנסה פאר א מענטש איז גרעסער ווי די גאולה, ווייל פרנסה קומט פון אויבערשטן אליין און די גאולה קען זיין דורך א מלאך ע"כ המדרש. האט משה געזאגט פאר מֶלֶךְ אֱדוֹם ער דארף נישט מורא האבן אז די אידן וועלן עסן אדער טרינקען וואס באלאנגט נישט צו זיי, ווייל די אידן ווייסן אז פרנסה איז נאר פון אויבערשטן, און דאס האט גארנישט מיט מלאכים, ווייל נאר דער אויבערשטער ווייסט פונקלאך וויפיל א מענטש דארף און קיינער נעמט נישט צו פון א צווייטן, און ווייל ער גיט פרנסה איז דער אויבערשטער זייער מדקדק אויף גזל, און דאס האט משה אויסגעדריקט פאר מֶלֶךְ אֱדוֹם: גזל איז ביי אידן זייער הארב איז, און די ראי': ווייל גאולה קען זיין דורך א מלאך, דעריבער האט משה געזאגט וַנִּצְעַק אֶל ה' וַיִּשְׁמַע קֹלֵנוּ "וַיִּשְׁלַח מַלְאָךְ וַיֹּצִאֵנוּ מִמִּצְרָיִם", גאולה איז געווען דורך א מלאך, אבער נַעְבְּרָה־נָּא בְאַרְצֶךָ, ביי דורכגיין דיין לאנד, וועלן די אידן נישט עובר זיין אויף גזל, נאר דֶּרֶךְ "הַמֶּלֶךְ" נֵלֵךְ, מלך מיינט **מלכו של עולם** -תרגום יונתן בן עוזיאל- , דער אויבערשטער, און זיי וועלן גיין און פאלגן דעם אויבערשטן. [אבער וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֱדוֹם לֹא תַעֲבֹר בִּי, און וועגן דעם האבן אדום באקומען זייער עונש לֹא־יָבֹא עַמּוֹנִי וּמוֹאָבִי בִּקְהַל ה' אז זיי מעגן נישט קומען אין כלל ישראל, עַל־דְּבַר אֲשֶׁר לֹא־קִדְּמוּ אֶתְכֶם בַּלֶּחֶם וּבַמַּיִם, המו"ל] (תפארת בנים מונקאטש)

**פרק ב] א ווינקל אין הלכה: מעג מען עסן פיש מיט קעז - דָגִים עִם חָלָב?**

דער טור אין (יו"ד סי' פז) שרייבט דָגִים וַחֲגָבִים מותר לאוכלן בחָלָב, אז דָגִים הייסט נישט בָשָׂר, און מען מעג עס עסן מיט חָלָב. און דאס איז פון א משנה אנפאנג פ' כל הבָשָׂר "אסור לבשל בחָלָב חוץ מִבְּשַׂר דָגִים וחגבים", זאגט דער בית יוסף דארטן, ומ"מ אין לאכול דָגִים עם חָלָב מפני הַסַּכָּנָה. און דער לבוש אין ספר עטרת זהב ברענגט אויך אזוי. אבער דער רמ"א אין דרכי משה אות ד': שרייבט "ולא ראיתי מימי נזהרים בזה". דעריבער זאגט דער דרכי משה אז דאס וואס שטייט אין בית יוסף, דָגִים עם חָלָב, דארף באמת שטיין דָגִים עם בָשָׂר, און אזוי שטייט אין (או"ח סי' קע"ג) אז מען דארף וואשן די הענט צווישן עסן דָגִים און בָשָׂר וועגן סַכָּנָה. און דער ש"ך (סי' פ"ז) שרייבט "אבל הוא טעות כי לא נזכר שם -או"ח קע"ג- אלא דְדָגִים עם בָשָׂר אסור משום סַכָּנָה אבל בְחָלָב לא שמענו ולא ראינו וכל יומא ויומא נהגינן הכי לבשל דָגִים בְחָלָב ולאכול, און אויך דער ט"ז האלט אזוי, דעריבער זאגן די מפרשים אז מען מעג עסן דָגִים מיט חָלָב. דער חיד"א אין זיין ספר מחזיק ברכה פרעגט, פארוואס אויב די בית יוסף האלט דָגִים מיט חָלָב איז אסור, פארוואס ברענגט ער נישט אז עס איז אסור אין שולחן ערוך (יו"ד סי' פ"ז), דעריבער מוז מען זאגן אז דער ב"י האט חרטה געהאט און וועגן דעם שרייבט נאר דער מחבר, "אבל דָגִים וחגבים אין בהם איסור -מיט חָלָב- אפילו מדרבנן". און דערמאנט נישט אז דָגִים בְחָלָב איז אסור וועגן סַכָּנָה. און אבער דער רבינו בחיי (שמות כג יט) שרייבט "וכן דעת הרופאים בתערובת דָג וגבינה שנתבשלו כאחד שמוליד תְּכוּנָה רָעָה וְחוֹלִי הַצָּרַעַת". זעט מען עס איז אסור אלץ סַכָּנָה! אבער דאס רעדט זיך פון קאכן "שנתבשלו" דָגִים מיט חָלָב וואס דאס איז א סַכָּנָה, אבער עסן דָגִים מיט חָלָב איז אפשר נישט אסור. און אזוי ברענגט דער פתחי תשובה פון שו"ת חינוך בית יהודה (סי' ס"א) אז דאס וואס דער לבוש זאגט אז עס איז אסור, איז נאר ווייל "דָגִים

"המבושלים בחָלָב" יש בו סכנת חולי דְּגִים מְקֻרָרִים מאד וגם החָלָב רַע וּמַזִּיק לְגוּף". אין שו"ת חת"ם סופר (חלק ב יו"ד סימן קא ד"ה אברא): שטייט אז עס איז מותר, און "ונאמן עלינו הרמב"ם גדול הרופאים" אז עס איז נישטא קיין סַכָּנָה. און דער פתחי תשובה פירט אויס: ווייל די רַבִּים פירן זיך אז מען עסט דָּגִים מיט חָלָב, דארף מען נישט חושש זיין. דער יַד אפרים להגאון ר' אפרים זלמן מרגליות (סימן פז), שרייבט שברוב מדינות אשכנז לא נהגו להקפיד באכילת דָּגִים בחָלָב. און אויך דער ערוך השולחן (יו"ד סימן פז סעיף טו) שרייבט "דכל העולם אוכלים זה ונחשב למאכל חשוב ולכן לית מאן דחש להא מילתא ויכולים לאכול בלי שום קפידא חלילה".

אבער דער פחד יצחק, לרב יצחק למפרונטי, ערך בָּשָׂר דָּגִים וחגבים שרייבט "ומכל מקום כיון שהדבר יצא מפי המלך הרב בית יוסף, מנעתי מתוך ביתי אכילת דָּגִים עם גבינה וחמאה. און דער בן איש חי (שו"ת רב פעלים חלק ב' חלק יו"ד סימן י') און דער כף החיים סי' פ"ז שרייבן אויך אז עס איז אסור. הגאון ר' שלמה זלמן אוירבך זצ"ל אין ספר הליכות שלמה -פסח- שרייבט אז ביי אים אין שטוב האט מען זיך געפירט אלע יארן נישט צו עסן דָּגִים מיט חָלָב אבער ווען מען האט אים געפרעגט האט ער געזאגט מען זאל זיך פירן ווי די עלטערן האבן זיך געפירט. לסיכום דארף מען גוט שוקל זיין פאר מען עסט דָּגִים מיט חָלָב. די ספרדיים עסן נישט און מנהג אשכנז איז לפי המסורה.
(שמח זבולון תשע"ח)

## מדור העובדות

## די הייליגער צדיקים פון טשורטקוב און שטיפענעשט ווערן אדוואקאטן פאר א חסיד

הרה"ג ר' דוד שעכטער זצ"ל איז געווען דער רב פון דורוהוי וואס איז לעבן באטאשאן ראמעניא, און דער בעל אכסניא פון די אדמור"י רוזין וואס פלעגן קומען דארטן. ער האט דערציילט די מעשה: זיין עלטער פעטער הרה"ג ר' חיים חכם זצ"ל האט געוואוינט אין דאראבאן וואס איז פערציג ק"מ צפון פון דורוהוי, און איז געווען דער רב פון שטאט, ר' דוד איז געבוירן געווארן אין באסראביא רוסלאנד און געבליבן א יונגער יתום פון זיין טאטן, זיין עלטער פעטער ר' חיים חכם האט מסכים געווען אריינצונעמען דעם יתום צו זיך און אים האדעווען ווי א אייגן קינד. און ווייל באסראביא האט זיך געגרעניצט מיט ראמעניא און עס איז געווען גרינג פאר דעם יונגן דוד אריבערגיין דעם גרעניץ, צו זיין מיט זיין עלטער פעטער.

ר' חיים האט אים אריינגענומען ווי א אייגענעם קינד, און האט געמאכט פאלשע געבורטס פאפירן אז דוד איז געבוירן צו אים אין א שטעטל, פאר ער איז געקומען קיין דאראבאן און ער איז זיין קינד, ר' חיים האט געלערנט מיט אים און זייענדיג א גוטע קאפ איז ער געשטיגן און באקומען הוראה, ר' חיים האט אים חתונה געמאכט מיט איינעם פון דורוהוי וואס האט געגעבן א שיינעם נדן און שפעטער איז ר' דוד געווארן דארטן דער רב.

אלעס איז געווען גוט און פיין ביז א איד פון דאראבאן האט געבעטן פאר ר' חיים אלץ רב צו טאן פאר אים אזאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן לויט די הלכה און ר' חיים האט עס נישט געוואלט טאן. יענער איד איז געווען א בר אלים און האט געסטראשעט ר' חיים אז ער ווייסט אז ר' חיים האט געפעלשט די געבורטס פארפירן פאר ר' דוד און האט געזאגט ער גייט מסר'ן פאר די רעגירונג און פאר דעם וועלן ר' חיים און ר' דוד מוזן גיין אין תפיסה. ר' חיים האט נישט מורא געהאט און יענער איז ארויס פון ר' חיים מיט כעס.

דער איד איז געגאנגען צו די רעגירונג אין שטאט דורוהוי און געקלאגט אז ר' דוד וואס איז דארטן דער רב האט פאלשע פארפירן וואס זאגט אז ער איז געבוירן אין א שטעטל לעבן דאראבאן און עס איז נישט אמת. די רעגירונג האט אנגענומען דעם קלאגע און האבן געזאגט אז מען דארף מברר זיין פון יענע שטעטל צו זיי טרעפן אויב ר' דוד איז דארטן געבוירן געווארן. דערווייל האט יענער מסור נישט גערוהט און געשטופט מען זאל וואס פריערט מאכן דעם משפט ווייל ער איז זיכער אז מען וועט נישט טרעפן געבורט'ס פאפירן.

ר' חיים האט באקומען די צעטל אז ער מיט ר' דוד דארפן זיך שטעלן אין בית המשפט אין א חודש ארום. ר' חיים האט געוואוסט אז פאר אזא עבירה קומט תפיסה און היות ער איז געווען קשור צו הרה"ק ר' דוד משה מטשורטקוב און הרה"ק ר' אברהם מתתיהו משטיפענעשט, האט ער געשיקט א טעלעגראם צוביידע צדיקים. און געהאט בטחון אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן, ער האט געווארט אויף א ענטפער פון די צדיקים. דערווייל דער משפט דערנענטערט זיך און ר' חיים באקומט א ענטפער פון הייליגן טשורטקובער "יִסָּכֵר פִּי דוֹבְרֵי שָׁקֶר" (תהלים סג יב) און פון צדיק פון שטיפענעשט א ענטפער "אז ער זאל נישט דאגה'ן, דער צדיק בענטשט אים והשי"ת יציל אותו מכל רע והכל יסתדר על צד היותר טוב"

ר' חיים האט זיך געפריידט פון די תשובות און ברכות פון די צדיקים און האט מחליט געווען אז ער נעמט נישט קיין אדוואקאט. דער משפט האט געדארפט זיין אין א זונטאג דעריבער זענען ר' חיים און ר' דוד געפארן אויף שבת ביי זייער'ס א משפחה צו קענען זיין אין בית המשפט גלייך זונטאג אינדערפרי. ר' חיים איז געווען פריילאך א גאנצן שבת, אבער ר' דוד איז געווען צוקלאפט ווייל פון דורוהוי האט מען זיכער געשיקט א בריוו צו יענעם שטעטל און זיי וועלן גלייך זען אז ער איז דארטן נישט געבוירן. ר' חיים שטארקט אים מיט אמונת צדיקים אז זיי וועלן ארויסגיין זכאי פון משפט, ווייל זיי האבן צוויי גרויסע אדוואקאטן צדיקים.

זונטאג אינדערפרי זענען זיי אנגעקומען אין בית המשפט און מען הייסט זיי ווארטן, און צו זייער וואונדער קומט מען זיי זאגן אז דער משפט איז בטל ווייל זיי האבן באקומען תשובה פון יענעם שטעטל אז עס איז געווען א גרויסע שריפה אין זייער רעגירונג'ס הויז און אלע דאקומענטן פון געבורטס זענען פארברענט געווארן, ממילא קענען זיי נישט אויפווייזן אז ר' דוד איז דארטן נישט געבוירן. ר' חיים און ר' דוד האבן געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן פאר דעם, ר' חיים האט זיך דערוואוסט אז די שריפה איז געשען דעם טאג וואס ביידע צדיקים האבן צוריקגעשיקט זייער טעלעגראם.

דער מסור האבן די שטאטסלייט גענומען און צוגעבונדן צו א בוים און אלע זענען דורכגעגאנגען און געגעבן א שפיי און מען האט אים געלייגט אין חרם, ווען דער שטיפענעשטער צדיק איז נאכדעם געקומען באזוכן דער שטאט דאראבאן, איז דער מסור אריין צום צדיק פאר א ברכה און ווען ער איז נאר אריין אין טיר האט דער צדיק זיך אויפגעשטעלט און געלייגט זיינע הענט אויף זיין פנים און געזאגט ער קען אים נישט אויפנעמען ווייל ער איז אין חרם. דער איד האט זיך צו וויינט און געזאגט ער וויל תשובה טאן און דער צדיק האט אים געגעבן א וועג פון תשובה. זיע"א


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

קונטרס חידושי תורה על ש"ס שטארקע חידושים געשריבן תרכ"ח און ברענגט דריי תורות וואס ער האט געהערט פון הייליגן צמח צדיק מוויזניץ און זענען נישט געדרוקט $3000, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר $1000, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק ,$900 ספר מליצי אש ג' כרכים $200, סעט ליקוטי מהרי"א עה"ת והש"ס $150, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000,, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגווער רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , דרך אמונה סיגאט ח"ב דפו"ר $700, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, *ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י $2000 ספר וואס באשרייבט דער ישיבה אונסדארף $300 ,4 ספרים באלאנגט צו הרה"ק ר' שלום רובין מגלאגוב מיא חתימות, $2000, ספר באלאנגט צו אב"ד נירבאטור הרה"ג ר' אהרן טייטלבוים זצ"ל $1000* דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***